# דעם מענטשנס לעבן

יאָרן, יאָרן קומען,
יאָרן, יאָרן גייען;
אַ הייפּל מיט בלומען,
אַ פּאַק מיט צער און ווייען.

בלומען דאַרפֿן רעגן,
און היילונג
דאַרף אַ ווונד.
דעם מענטשנס גאַנצער לעבן
דרייט זיך רום און רונד.

אַרויס פֿון מוטערס טראַכט,
אָט ערשט, דאַכט זיך,
געבאָרן.
אָן פֿערד און אָן וואָגן
אָפּגעפֿאָרן יאָרן.

יאָרן, יאָרן קומען,
יאָרן, יאָרן גייען.
אויף דער וועלט
מיר קומען
בלויז זיך אויסצודרייען.